בס"ד

# רבי אביגדור ענטפערט...

שאלות פונעם המון עם אין אלע ענינים פון יהדות, השקפה, עצות, און נאך, וואס זענען געענטפערט געווארן דורך

**הגה"צ חכימא דיהודאי, הרב**
**רבי אביגדור מיללער זצ"ל**

ביי די בארימטע ליל שישי שיעורים



כי תבא
תשפ"ב לפ"ק
גליון קל"ד

## פראגע

**וואס זאלן מיר טראכטן ווען מיר הערן דעם שופר דורכאויס חודש אלול?**

## ענטפער:

ווען מען הערט שופר בלאזן איז דא אסאך זאכן פון וואס צו טראכטן; נישט נאר איין זאך. ערשטנס כל דארף מען טראכטן, "היתקע שופר בעיר והעם לא יחרדו" – "קען עס זיין אז מען בלאזט שופר אין די שטאט און מענטשן ווערן נישט דערשראקן?!" מען דארף דערשראקן ווערן תיכף ומיד! **מען דארף מורא האבן**; אימת הדין. ס'איז זייער וויכטיג. דער טאג קומט און מען דארף זיין דערשראקן; מען דארף מורא האבן.

יעצט, דאס זיין דערשראקן דארף האבן עפעס **פראקטישע רעזולטאטן**. איר זאגט אלעמאל אין סליחות עפעס וואס איר טוט קיינמאל נישט: "נחפשה דרכינו ונחקורה" – מיר וועלן נאכזוכן אונזערע וועגן. צי זוכט איר נאך אייערע וועגן? קיינמאל! האט איר זיך שוין איינמאל אין לעבן אראפגעזעצט פאר פינף מינוט אריינצוטראכטן אין אייערע וועגן? קיינמאל! אה, אבער ער זאגט אין סליחות: "נחפשה דרכינו ונחקורה." ער באמבלט די ווערטער. וואספארא שאד!

איז דער שופר זאגט, "הייבט אן נאכצוזוכן אייערע וועגן!" כאטש פינף מינוט. פינף מינוט איז – אגב – זייער א קליינע צייט אוועקצוגעבן דורכצוגיין די חשבונות פון דיין ביזנעס. א ביזנעסמאן וואס מאכט נאר 5 מינוט חשבונות וועט אונטערגיין. ער דארף אסאך מער פון פינף מינוט. אבער **כאטש פינף מינוט!** כאטש זאלסטו נישט זיין קיין שקרן. די גאנצע וועלט נארט אפ כביכול השי"ת. "בפיו ובשפתיו כיבדוני" – מיט זיין מויל און ליפן איז ער מיך מכבד; אבער "ולבו רחק ממני" – זיין הארץ איז ווייט אוועק פון מיר. ער זאגט "נחפשה דרכינו ונחקורה", אבער ער טראכט בכלל נישט וועגן דעם. ס'איז א שרעקליכע זאך.

ווען מען הערט דעם שופר, הייב אן צו טראכטן ווען דיינע וועגן. פארוואס זענען דא מענטשן, פרומע מענטשן, וואס לעבן זייער גאנצע לעבן אין זינד. ער פרובירט צו הארגענען זיין ווייב דורכ'ן זאגן באליידיגונג ווערטער צו איר, און זי וויל פארקורצערן זיין לעבן דורכ'ן זאגן בייסיגע ווערטער צו אים. זיי ווילן עס נישט טון חס ושלום, אבער דאס איז וואס זיי טוען – זיי טוען ווי איינער דעם צווייטן. **א גאנצע לעבן פון אונאת דברים**. יעדע מאל איז עס א שרעקליכע זינד. ס'איז א שרעקליכע עבירה צו זאגן בייסיגע ווערטער איינער צום צווייטן. און עס ווערט ליידער געטון אין אזויפיל הייזער!

נחפשה! אויב מען זוכט וועט מען טרעפן. עס איז שרעקליך וואס גייט פאר אין שטיבער. מענטשן טוען אויסטערליש ווי דעם צווייטנ'ס געפילן. און מיינט נישט אז עס האט נישט קיין אפעקט אויף דעם מענטש'נס געזונט. עס אפעקטירט דאס געזונט; אודאי. און דערפאר פעלט נישט קיין זאכן צו זוכן, טרעפט מען. איינמאל מען הייבט אן צו זוכן וואס מ'קען טרעפן. אה יא! עס איז דא היפש וואס צו טרעפן.

נאך א מחשבה ווען מען הערט דעם שופר; דער שופר דארף דערמאנען אז "בכל יום ויום בת קול יוצאת מהר חורב" - יעדן טאג גייט ארויס א בת קול פונעם בארג סיני וואס דערמאנט אייך צו לערנען תורה. די שופר בלאזן דערמאנט אונז וועגן דעם שופר וואס מיר האבן געהערט ביים בארג סיני. דאס איז איינס פון די רמזים פונעם שופר. צי לערנסטו תורה? שטייגסטו אין לערנען תורה? חזר'סטו איבער וואס דו האסט געלערנט? אפילו מען לערנט אביסל, אבער פרובירסטו צו ווערן א למדן? ס'איז זייער וויכטיג. יעדער קען ווערן א למדן אויב ער וויל. און דער אויבערשטער פארלאנגט עס. **ער פארלאנגט אז מען זאל ווערן א למדן.**

אזוי אויך, ווען מען הערט דעם שופר זאל מען טראכטן, "מיר אנערקענען השי"ת אלס אונזער קעניג מיט דעם קול השופר." אשרי העם יודעי תרועה. ווען מען הערט דעם שופר בלאזן, ווייסט מען אז **דער קעניג קומט**. עס דארף אונז דערמאנען אז השי"ת איז דער מלך העולם. מען דארף טראכטן דערוועגן ווען מ'בלאזט שופר. דער אויבערשטער איז דער מלך העולם. ער באזיצט די וועלט. ער באזיצט די גאסן. צו אים געהערט דיין הויז און אלעס וואס דו האסט. ער באזיצט די שטערנס. **ער איז דער מלך**. ער איז דער באלעבאס אויף דער וועלט; עס איז זייער וויכטיג צו שפירן אז גארנישט איז באמת אונזערס – ס'איז נאר צייטווייליג פַארבאָרגט פאר אונז אויף א קורצע צייט. כי גרים ותושבים אתם עמדי. מיר זענען בלויז געסט דא פאר א קורצע צייט. ער איז דער באלעבאס; ער איז דער לענדלארד. עס איז אייביג וויכטיג צו טראכטן דערוועגן.

און דערפאר, עס זענען דא זייער אסאך לימודים פונעם שופר, זייער אסאך לימודים. אבער סיי-וויאזוי דארף מען מאכן זיכער צו מאכן נוצן דערפון, און נישט סתם עס לאזן בלאזן פאר גארנישט. (E-124)

פאר הערות שיקט אן אימעיל צו RebAvigdorAnswers@gmail.com

**פראגע**

## וואס מיינט דער רמב"ם ווען ער זאגט אז יראת העונש איז א קליינע מדריגה אין עבודת השם?

**ענטפער:**

ער מיינט פונקט דאס. ווייל וואס מיינסטו, ווען הקב"ה גיבט דיר אלע גוטע זאכן – ער גיבט דיר א גאנצע קערפער, דו ביזט נישט קיין בעל מום, אלע **טויזנטער** זאכן וואס די קערפער דארף איז בשלימות. ער גיבט דיר אלע בגדים, ער גיבט דיר א הויז צו וואוינען, ער גיבט דיר עסן יעדן טאג, ער היט דיר אלעמאל.

אבער דער מענטש דאנקט נישט דעם באשעפער, ניין. ווען ער טוט מצוות טוט ער עס ווייל ער האט מורא פון אן עונש, ער וויל עולם הבא... איז דאס מענטשליכקייט?! **וואס טוט זיך מיט'ן זאגן אדאנק** פאר אלע גוטע זאכן וואס ער גיבט דיר? קיין איין דאנק נישט?

דערפאר, ווען מען לייגט א מזוזה אויפ'ן טיר, דאנקט מען אים פאר א הויז, ווען מען לייגט תפילין אויפ'ן קאפ, דאנקט מען פאר די קאפ, תפילין אויפ'ן ארעם, דאנקט מען אים פאר די ארעם – אויסדרוקליך. ציצית, דאנקט מען פאר א בגד, ווען מען מאכט א ברכה, **דאנקט מען אים פאר די עסן.**

דו ביזט א צדיק ווייל דו מאכסט א ברכה?! **דו דארפסט אים דאנקען פאר די עסן!** דו מאכסט א ברכה ווייל דו דארפסט עולם הבא? **ס'איז א חוצפה.** הלואי זאל מען האבן די חוצפה, רוב מענטשן האבן ניטאמאל די חוצפה, ווייל זיי טראכטן בכלל נישט וואס זיי זאגן ווען זיי מאכן א ברכה... אבער דו מאכסט א ברכה בלויז ווייל דו ווילסט עולם הבא? וואס טוט זיך מיט'ן דאנקען השי"ת פאר וואס ער גיבט דיר?

דער רמב"ם זאגט אז צו טון עבודת השם וועגן יראה איז א קליינע מדריגה, זייער א קליינע מדריגה, אבער מ'דארף עס נאך אלץ האבן, מען דארף ארבעטן דערויף. און נישט קיין חילוק ווי גוט מען איז שוין, דארף מען נאך אלץ **ארבעטן** אויף דעם פון צייט צו צייט, מורא צו האבן פון השי"ת.

**פראגע**

## וויאזוי קענען מיר פארשטיין דער ערשיינונג אז אסאך מאל זענען דא נישט-חרד'ישע עלטערן וואס האבן ערליכע קינדער, און צומאל איז פונקט פארקערט – עס זענען דא ערליכע עלטערן וואס האבן ליידער נישט-רעליגיעזע קינדער?

**ענטפער:**

מיר ערקלערן עס מיט דעם יסוד וואס דער אויבערשטער האט אונז געזאגט: "החיים והמות נתתי לפניך" – איך האב געלייגט פאר דיר אן אויסוואל פון לעבן און טויט, "ובחרת בחיים" – און דו זאלסט אויסוועלן לעבן! עס איז א דערקלערונג פון השי"ת אז עס איז דא א **בחירה חפשית** אויף דער וועלט.

דער פאקט אז א מענטש איז געבוירן פון עם הארצים אדער אומרעליגיעזע עלטערן מיינט נישט אז ער קען נישט ווערן א גרויסער צדיק. אויב ער קלויבט אויס צו זיין גוט, וועט מען אים נישט שטערן. און דער פאקט אז א מענטש איז געבוירן פון גרויסע צדיקים, דער פאקט אז זיינע עלטערן זענען הייליג, מיינט נישט אז ער גייט אויך זיין הייליג. יעדער מענטש דארף אליינס מאכן זיכער צו זיין די בעסטע וואס ער קען.

וועגן דעם שטייט, "כי לכלב חי טוב מן האריה המת" (קהלת ט,ד) – א לעבעדיגער הונט איז בעסער ווי א טויטע לייב. וואס מיינט עס? פשט איז אזוי: א מענטש קען זיין אזוי נידריג ווי א הונט, אבער אויב ער לעבט, איז ער בעסער ווי א טויטע לייב. דער גרעסטער לייב, ד.ה. דער גרעסטער צדיק, איינמאל ער איז געשטארבן איז ער פערטיג – ער קען שוין נישט ווערן בעסער. אבער א הונט, ער קען זיך נאך טויש'ן. ער קען פארלירן זיין ווידל... נאך א שטיק צייט קען ער אויסקוקן ווי א מענטש. ער שטייט אויף צוויי פוס. ער ווערט א מענטש.

און וועגן דעם, ווען מען זעט אז ערשיינונג – אודאי איז עס א טראגעדיע ווען די קינדער פון צדיקים גייען אראפ פון וועג, און עס קען אויך זיין אז מ'קען באשולדיגן זיינע עלטערן; אפשר האבן זיי נישט אריינגעלייגט גענוג חינוך אין אים – סיי-וויאזוי, ווען עס געשעט יא, איז עס **א דעמאנסטראציע אויף דער כח פון די בחירה חפשית.**

יעדער קען זיך טוישן. יעדער איינער קען זיך טוישן! און ער קען זיך טוישן אויסטערליש! און דערפאר, ווילאנג א מענטש לעבט איז נאך דא האפענונג. דאס איז איינס פון די לימודים וואס מיר לערנען ווען מיר זענען קינדער וואס זענען אנדערש ווי זייערע עלטערן.

(E-43)

**די שאלות ותשובות זענען איבערגעטייטשט געווארן אויף אידיש לזכות את הרבים. צו באקומען טעגליך אין אימעיל די ארגינעלע שו"ת** (ענגליש)**, און סוף וואך א פולע שמועס אויף די פרשה, שיקט א פארלאנג צו** Signup@TorasAvigdor.org**, אדער גייט צו** torasavigdor.org**. צו באקומען א שו"ת וועכנטליך דורך תלמידו הרב אברהם טיקאצקי שליט"א, שיקט א פארלאנג צו** tikotzky@gmail.com
Simchas Hachaim Publishing (SHP) is the official publisher of Rabbi Avigdor Miller's books and lectures.
SHP is a project of Yeshiva Gedolah Bais Yisroel. Visit us at simchashachaim.com

# אין אלע ספרים געשעפטן!




## הונדערטער פראגעס און ענטפערס

אין אלע תחומי החיים לויט די ריינע תורה השקפה
צוזאמגענומען אין איין באנד

פאר גרעסערע באשטעלונגען, האלסעיל און מוסדות התורה, רופט: 845-625-2973

# שרייבט אייך איין צו באקומען די הערליכע גליונות קונטרסים וועכענטליך אויף אימעיל




ברילאנטענע און אייגנארטיגע גליונות קונטריסים, היימיש און געשמאק

**זיך איינצושרייבן רופט מערכת להתענג: 845-662-2782**

אדער שיקט אן אימעיל צו Subscribe@Lehisaneg.com

# באשיינט אייער
# שמחה,
# שבת התוועדות

- סידורים
- חומשים
- זמירות
- גליונות

קאסטום לויט אייער געשמאק










צו באשטעלן רופט:

**מערכת להתענג 845-662-2782**

אדער שיקט אן אימעיל צו Lehisaneg@Lehisaneg.com

בס"ד

די דאזיגע גליון ערשיינט וועכנטליך אין די הערליכע קונטרסים

# עונג שבת/גוט שבת שע"י מערכת להתענג

צו באקומען די קונטריסים אויף אימעיל פאר בלויז $1 א וואך קליקט אויפן פאלגענדע לינק

http://goo.gl/forms/S8OzcjI4K1

אדער שיקט אן אימעיל צו Subscribe@Lehisaneg.com

(אויף אונזער אימעיל ליסטע ווי אויך אויף לדעת, ערשיינט די גליון מיט צוויי וואכן אפגערוקט)

כל טוב